# משיחות י״א וי״ג ניסן, יום ג׳ וה׳ פ׳ שמיני ה׳תשמ״ח

א. איינער פון די ענינים אין גאולת מצרים וואס די תורה אונטערשטרייכט איז — דאס וואס די גאולה פון אידן פון מצרים איז געקומען און דורכגעפירט געווארן דורך משה און אהרן,

ווי עס שטייט סיי בא דעם אנזאג פון דעם אויבערשטן נאך אין גלות מצרים — „וידבר ה׳ אל משה ואל אהרן ויצום אל בני ישראל גו׳ להוציא את בני ישראל"[1], און דערנאך, ווען מ׳האט געהאלטן באם ארויסגיין פון מצרים, איז דער אנזאג פון פרשת החודש[2] מיט אלע פרטים פון קרבן פסח (מצרים און לדורות) און יציאת מצרים געווען צו משה ואהרן צוזאמען[3] — „ויאמר ה׳ אל משה ואל אהרן גו׳ החודש הזה לכם גו׳ דברו אל כל עדת בני ישראל גו׳"[4].

ביז אז די תורה איז (אמאל) מקדים אהרן פאר משה (בנוגע צו יציאת מצרים) — „הוא[5] אהרן ומשה אשר אמר ה׳ להם הוציאו את בני ישראל מארץ מצרים על צבאותם"[6].

דארף מען פארשטיין, האבן הסברה פארוואס יציאת מצרים כו׳ איז געווען דוקא דורך משה ואהרן (און ניט דורך משה אליין). ובפרט אז די תורה אליין דערציילט ובארוכה[7] ווי דער אויבערשטער האט אויסגעקליבן דוקא משה׳ן[8] אלס דעם גואל ישראל.

אויך דארף מען פארשטיין — דער לימוד והוראה פון דעם וואס יציאת מצרים איז געווען על ידי משה ואהרן.

ווארום יעדער ווארט אין תורה איז א הוראה נצחית אויף אלע דורות. על אחת כמה וכמה דער סיפור פון יציאת מצרים שבתורה — בציווי המשנה[9] בכל דור ודור וכל יום ויום[10] חייב אדם לראות את עצמו כאילו יצא היום[10] ממצרים (און זכירת יציאת מצרים דארף זיין פעמיים בכל יום[11]) — איז פארשטאנדיק, אז א איד דארף ארויסנעמען א הוראה בכל דור ובכל יום (ניט נאר פון כללות יציאת מצרים, נאר אויך) פון אלע פרטים שבסיפור יציאת מצרים שב־

---

1) וארא ו, יג.

2) בא יב, א ואילך.

3) ראה פרש״י שם, ב: בשביל שאהרן עשה וטרח במופתים כמשה חלק לו כבוד זה במצוה ראשונה שכללו עם משה בדבור. ושם, ג (עה״פ „דברו גו׳״): והדבור יוצא מבין שניהם כאלו שניהם מדברים.

4) בא שם, א.

5) וארא ו, כו. וראה פרש״י שם. „ששקולין כאחד״.

6) ורק בנוגע להדיבור אל פרעה מקדים משה לאהרן — „הם המדברים אל פרעה מלך מצרים גו׳ הוא משה ואהרן״ (שם, כז).

7) שמות ג, א ואילך.

8) ולא את אהרן — שהרי הקב״ה שלל טענת משה „שלח נא ביד תשלח, ביד מי שאתה רגיל לשלוח והוא אהרן״.

ומה שאהרן הלך עמו — הי׳ לכאורה רק ש„יהי׳ לך לפה״ (אבל „אתה תהי׳ לו לאלקים״ (שמות ד, טז)) במענה לטענת משה „לא איש דברים אנכי גו׳ כי כבד פה וכבד לשון אנכי״ (שם, י), אבל לכאורה משמע שלולא טענת משה, לא הי׳ אהרן המדבר (וכמובן גם מזה שבתחלה ענה ה׳ (על טענת משה הנ״ל) „מי שם פה לאדם גו׳ ואנכי אהי׳ עם פיך גו׳״ (שם, יא־יב), ורק לאחרי שאמר משה „שלח נא ביד תשלח״, אמר ה׳ שאהרן יהי׳ המדבר).

9) פסחים קטז, א.

10) הוספת אדה״ז בתניא רפמ״ז.

11) משנה ברכות יב, ב.

תורה, כולל אויך דאס וואס דאס איז געווען דורך משה ואהרן.

ב. ווערט מען פארשטיין ענינו ותפקידו פון משה ואהרן ביציאת מצרים בהקדים אן ענין תמוה וואס פאדערט ביאור בפרשתנו[12] בנוגע צו משה ואהרן:

אין דער פרשה ווערט דערציילט[13], אז לאחרי מיתת נדב ואביהוא, האט משה אנגעזאגט אהרן ובניו, אז אע"פ וואס זיי זיינען אוננים (און אן אונן איז אסור בקדשים), זאל זיין „ואכלתם גו' כי כן צויתי"[14] „באנינות יאכלוה"[15].

בשעת אבער זיי האבן ניט געגעסן דעם שעיר החטאת נאר אים פארברענט — איז „ויקצוף (משה) גו' מדוע לא אכלתם את החטאת גו' כאשר צויתי"[16].

האט אהרן געענטפערט משה'ן[17]: „הן היום הקריבו את חטאתם גו' ותקראנה גו' ואכלתי חטאת היום הייטב בעיני ה'". און ווי חז"ל[18] זיינען מפרש, אז אהרן האט גע'טענה'ט צו משה'ן: „שמא לא שמעת (דעם היתר צו עסן קדשים באנינות) אלא בקדשי שעה", אבער „בקדשי דורות" איז ניט אזוי, ובלשון רש"י[19]: „אם שמעת בקדשי שעה אין לך להקל בקדשי דורות".

און דער פסוק איז מסיים[20], אז גלייך „וישמע משה וייטב בעיניו", „הודה ולא בוש לומר לא שמעתי כו'"[21]. ביז אז „ואפיק כרוזא במשריתא למימר אנא הוא דאיתעלמית הילכתא מני ואהרן אחי אדכר יתה לי"[22], „הוציא כרוז לכל המחנה ואמר אני טעיתי את ההלכה ואהרן אחי בא ולמד לי"[23].

אין דעם סיפור זיינען פאראן כמה דברים תמוהים:

א) אלע דיני והוראות התורה זיינען געקומען דוקא פון משה רבינו (ביז אז אויך אהרן הכהן האט פון אים מקבל געווען און געלערנט תורה[24]). איז ווי קומט עס אז משה — וואס משה אמת ותורתו אמת — זאל ניט וויסן און מאכן א טעות[25] אין דעם דין, ובפרט אזא הלכה (וסברא) פשוטה צו מחלק זיין צווישן קדשי שעה און קדשי דורות[26] (און דוקא אהרן האט דאס מגלה געווען)?

ביז — אז בא משה'ן איז געווען אזוי פשוט ובודאות אז זיי האבן געדארפט עסן אויך די קדשי דורות, אז ווען ער האט דערהערט אז זיי האבן פארברענט די קדשי דורות און זיי ניט געגעסן, איז גלייך „ויקצוף"!

ב) וויבאלד אז משה האט געהאלטן אז זיי דארפן עסן דעם חטאת, און מיט א ודאות (ביז אז „ויקצוף") כנ"ל — ווי

12) הפרשה שלומדים (בשנה זו) בימי הכנה לחג הפסח, וגם בכל ימי חג הפסח עצמו. וראה של"ה (ר"פ וישב), שמועדי השנה שייכים להפרשה בתורה שקורין אז.

13) שמיני י, יב ואילך.

14) שם, יג.

15) זבחים קא, ריש ע"א. תו"כ ופרש"י שמיני שם.

16) שמיני שם, טז ואילך. — בשיעור חומש דיום ה', י"ג ניסן, הילולא דאדמו"ר הצמח צדק.

17) שמיני שם, יט.

18) זבחים שם, א.

19) שמיני שם.

20) שם, כ.

21) זבחים שם. תו"כ ופרש"י שם.

22) תיב"ע ות"י שם.

23) ויק"ר פי"ג, א.

24) עירובין נד, ב. פרש"י תשא לד, לב.

25) כמ"ש במדרש שם שאמר משה „טעיתי" (ולא רק שנתעלמה ממנו ההלכה, כבתרגום שם, או ששכח ההלכה, כבזבחים שם).

26) כקושיית אוה"ח הק' עה"פ.

קומט עס אַז גלייך ווי ער האָט געהערט די סברא פון אהרן (אַז מ׳דאַרף מחלק זיין צווישן קדשי שעה וקדשי דורות) — איז „וייטב בעיניו״, אָן קיין שקו״ט בדבר?

ג) נאָכמער: ניט נאָר וואָס „וייטב בעיניו״, נאָר „הוציא כרוז לכל המחנה ואמר אני טעיתי את ההלכה ואהרן אחי בא ולמד לי״: אפילו אַז משה האָט געמאַכט אַ טעות און אהרן איז גערעכט, פאַרוואָס האָט אָבער משה געדאַרפט דאָס מפרסם זיין מיט אַ כרוז בכל המחנה?!

ד) די שאלה עיקרית איז אויף דעם וואָס תורה[27] דערציילט וועגן דעם:

מ׳האָט אַ כלל אַז אפילו בגנות בהמה לא דיברה התורה[28], על אחת כמה וכמה פון אַ בן אדם, און זיכער וועגן הנבחר מכל מין אדם — משה רבינו[29].

איז ווי קומט עס אַז די תורה איז אַזוי מאריך אין דעם קס״ד של משה און „ויקצוף״, און דערנאָך האָט זיך אויסגעוויזן ניט כדעת משה, און „וייטב בעיניו״: מ׳האָט געקענט דערציילן נאָר די מסקנא, ולכל היותר — אַז די מסקנא האָט אהרן מגלה געווען, אָבער וואָס איז נויטיק דערציילן קס״ד של משה וכו׳?

ג. ויש לומר דער ביאור בזה:

די גמרא זאָגט[30] „אל תדור בעיר דריש מתא אסיא״, אַ תלמיד חכם[31], און דער טעם לזה איז — „משום דעסקי בצרכיהם ולא מצו לעסוקי במילי דצבורא״[32].

דאַרף מען פאַרשטיין:

א) אויב ניט אַ תלמיד חכם — וועמען דען יע זאָל מען אויסקלייבן אַלס ראש העיר — אַן עם הארץ ח״ו?!

ב) ווי קען זיין אַז דורך דעם וואָס דער תלמיד חכם איז זיך עוסק אין תורת אמת ותורת חיים (הוראה בחיים) — זאָל דאָס שאַטן בהנהגת העיר?!

וי״ל די הסברה אין דעם:

ס׳איז מובן ופשוט אַז מ׳טאָר ניט אויסקלייבן אַן עם הארץ ער זאָל אָנפירן מיט אַ שטאָט [וואָכו״כ אַ שטאָט וואָס לולא אזהרת חז״ל הנ״ל, וואָלט געווען אַ קס״ד אַז מ׳זאָל אויסקלייבן אַ תלמיד חכם]. נאָר זיכער דאַרף מען אויסקלייבן אַ חכם וואָס קען לערנען תורה, און מה טוב וועלכער האָט סמיכות אויף רבנות, בכדי ער זאָל אָנפירן מיט דער שטאָט לויט הוראות והלכות התורה וכו׳.

---

27) כי בנוגע להכרזת משה — יש לומר, שזה הי׳ מפני גודל עניוות שלו.

28) ב״ב קכג, א.

29) פיה״מ להרמב״ם סנהדרין פ׳ חלק יסוד השביעי. וראה לקו״ש חי״ט ע׳ 10. וש״נ.

30) פסחים קיג, א.

31) כפירוש הב׳ בפרש״י שם.

32) פרש״י שם — בעין יעקב.

וראה תשובת הרמב״ם פאר הדור סי׳ (ובהוצאת ירושלים — סי״ג), בביאור הירושלמי מגילה פ״א ה״ד: עשרה בטלנין — תני עשרה בטילים ממלאכתן לבית הכנסת ר׳ יהודה אומר כגון אנו שאין אנו צריכין לתלמודינו — „שאם הי׳ הת״ח תלמודו בלתי ערוך בפיו אין ראוי שימנה מכלל אלו עשרה בטלנין לפי שאינו בטל לצרכי צבור להתעסקותו בלימוד. אמנם כמו רב יהודה אשר אינו צריך להתלמד ר״ל לעיין בספר ולהתעסק עסק גדול, הוא ימנה מכלל עשרה בטלנין אשר בטלנין לצרכי ציבור הואיל ואינו צריך לחזור על תלמודו, וכל מי שהוא צריך לתלמודו אין ראוי לו לבטל מתלמודו לצרכי ציבור, אם לא שיהי׳ לענין גדול או שלא יהי׳ שם אחר זולתו״.

אבער אין דעם גופא דארף ער זיין אזא חכם וואס זיין עיקר באשעפטיקונג איז צו אפשאצן די צרכי העיר און לויט דעם זוכט ער אין תורה די הוראות וואס פאסן צו צו אזא שטאט, און ניט אזא וואס עיקר ענינו איז לערנען תורה, ניט ווי דאס איז אפגעמאסטן לויט די צרכי העיר, כדלקמן.

ד. והביאור זה:

ע״ד ווי כללות העבודה טיילט זיך אויף די צוויי ענינים פון לימוד התורה און קיום המצוות, תלמוד און מעשה: לימוד התורה באשטייט בעיקר פון לערנען ווי די ענינים שטייען אין תורה, און קיום המצוות איז ווי מ'איז מקיים די ציווי התורה אין מעשה בפועל — אזוי איז אויך אין תורה עצמה פאראן צוויי ענינים: (א) לימוד התורה לשם תורה, באופן פון „יגדיל תורה ויאדיר״[33], בעיקר — שקו״ט ופלפולא דאורייתא, אן א נפק״מ להלכה ומעשה בפועל, און (ב) לאסוקי שמעתתא אליבא דהילכתא[34], בכדי ארויסבאקומען די הלכה ווי מ'זאל זיך פירן בפועל.

וואס די צוויי ענינים אין תורה קומען פון די צוויי דרגות אין תורה: (א) די דרגא אין תורה וואס איז העכער פון וועלט — „קדמה לעולם״[35], ביז שלא בערך צו עולם (העכער אפילו פון „קדמה לעולם״) — ווי תורה איז חכמתו ורצונו של הקב״ה[36], ביז „שעשועים לפניו״[37], און (ב) די דרגא אין תורה וואס איז בערך צו וועלט.

ועד״ז (בפרטיות יותר) אין הלכה גופא (די תורה וואס האט א שייכות צו הנהגת העולם) — יש לומר אז עס זיינען פאראן צוויי ענינים. ובהקדים:

די תורה (מלשון הוראה[38]) איז געגעבן געווארן למטה כדי צו אנווייזן ווי מ'דארף זיך פירן אין טאג טעגלעכן לעבן. ובלשון הכתוב בפרשתנו[39] — „להבדיל בין הקודש ובין החול״.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק צוויי זאכן: ערשטנס, אז די וועלט (און די תושבי העולם) פאר זיך אליין (איידער זי פירט זיך לויט הוראת התורה) שטייט ע״פ תורה אין א נידעריקע דרגא, וואס איז נאך ניט אויסגעאיידלט און אין איינשטימונג מיט דעם רצון פון דעם אויבערשטן (קודש און חול זיינען מעורב וכיו״ב), וואס דערפאר דארף זי אנקומען צו די הוראות פון תורה (להבדיל בין הקודש ובין החול), און ערשט דורך דעם ווערט די וועלט — א „תורה־וועלט״, וועלכע פירט זיך לויט דעם רצון פון דעם בורא עולם ומנהיגו.

אבער פון צווייטן זייט איז מובן, אז וויבאלד די תורה איז געגעבן געווארן בכדי — און האט בכח — צו אנווייזן ווי די וועלט דארף זיך פירן, שליסט אין זיך איין תורה אלע פרטים פון עולם, ובלשון המדרש[40] — אז די תורה איז די „דיפתראות ופינקסאות״ פון וועלט, „הי׳ הקב״ה מביט בתורה ובורא את העולם״ (ובלשון הזהר[41] — „אסתכל באורייתא

33) ישעי׳ מב, כא. חולין סו, ב.

34) יומא כו, א.

35) ראה מדרש תהלים צ, ד. ב״ר ס״ח, ב. תנחומא וישב ד. ועוד.

36) ראה תניא פ״ד.

37) משלי ח, ל. וראה לקו״ת במדבר ד״ה ואהי׳ אצלו אמון.

38) ראה זח״ג נג, ב.

39) י, י.

40) ב״ר בתחלתו.

41) ח״א קלד, סע״א. ח״ב קסא, ריש ע״ב. ח״ג קעח, א.

ובָרא עלמא")[42].

אין אנדערע ווערטער: ס'איז דא ווי וועלט שטייט אין תורה, וואס דארטן איז די וועלט א חלק פון (דרגת ה)תורה, ד.ה. א וועלט ווי זי זעט אויס בשעת זי פירט זיך בדיוק ווי תורה פארלאנגט[43]; און ס'איז דא ווי וועלט שטייט פאר זיך ווי דער אויבערשטער האט איר באשאפן אלס א מציאות וואס דארף ערשט אנ־קומען צו די הוראות פון תורה און זייער קיום בפועל דורך דער עבודה פון א אידן, בכדי אויסגעאיידלט ווערן און זיין אן ארט וואס קען אויפנעמען ג־טלעכ־קייט און הייליקייט.

[וע"ד ווי דאס איז בנוגע צו די צוויי אופנים כלליים בעבודת ה', תורה ומצוות (כנ"ל) — אז זיי זיינען כלול זה מזה: ס'איז דא ווי מצוות שטייען אין תורה, וואס דארטן זיינען זיי בדרגת התורה, און ווי תורה שטייט אין מצוות, וועלכע זיינען דאך (כמחז"ל[44] אב ואם יש לכם כו') בערך לגדרי העולם].

דערפון קומט אויס, אז אויך אין לימוד הלכה שבתורה (וואס ווייזט אן ווי מ'דארף זיך פירן בפועל) זיינען פאראן צוויי דרגות: (א) ווי מ'קוקט אויף די וועלט מיט די "אויגן" פון הלכה, וואס דעמאלט איז די וועלט (ווי זי שטייט אין הלכה) — בתכלית השלימות, (ב) ווי מ'קוקט אויף די וועלט מצד וועלט, מיט די הגבלות און מניעות ועיכובים פון וועלט און די מענטשן וואס געפינען זיך דארט, וואס דארטן דארף מען ערשט אנקומען צו דער עבודה און הארע־וואניע פון א אידן אז די וועלט זאל זיך פירן ע"פ הוראות והלכות שבתורה.

ה. עפ"ז איז מובן בנוגע צו א "ריש מתא":

אפשאצן ע"פ תורה צרכי העיר — קען זיין אויף צוויי אופנים: (א) דורך תורה ווייסט מען וואס די צרכי העיר דארפן זיין (ע"פ תורה). (ב) מ'שאצט אפ די צרכים וואס די תושבים דארפן האבן מצד זייער צושטאנד (כמובן באופן המותר ע"פ תורה), און לויט דעם זוכט מען אין תורה די הוראות וואס פאסן צו צו אזא שטאט און מצב.

וואס ביידע אופנים זיינען אמת ע"פ תורה: דער חילוק איז נאר לגבי וועל־כע דרגא מ'רעדט: א חכם וואס האלט בא די דרגא אז פון תורה ווייסט ער וואס די צרכים זיינען — שאצט דאך דאס אפ לויט זיין דרגא (דרגת התורה מצ"ע). א חכם וואס שאצט פריער אפ די צרכים וואס די מענטשן דארפן האבן — רעכנט ער זיך מיט די דרגא פון די אנשי העיר, וואס בהיתר, ע"פ תורה, האלטן זיי נאך ניט בא די העכערע דרגא, נאר זיי האבן זייערע צרכים אפגעמאסטן לויט זייער טבע ומהות כו', דעריבער דארף מען זיי ע"פ תורה געבן די צרכים.

זאגט די גמרא "אל תדור בעיר דריש מתא אסיא":

דער ראש העיר דארף זיין א חכם וואס קען קוקן און אפשאצן די צרכי העיר (ניט נאר ווי צרכי העיר דארפן

---

42) דיש לומר, שמה שתורה היא דיפתראות ופינקסאות דעולם, קאי לא רק על בריאת העולם, אלא גם על האופן להביא העולם לתכליתו ע"י עבודת האדם ע"פ הוראות התורה, כהמשך הלשון בזהר שם — "בר נש אסתכל באורייתא וקיים עלמא".

43) עד שמציאות העולם היא "בשביל התורה" (פרש"י ר"פ בראשית) דכולל הפי' שהעולם אינה מציאות בפ"ע, כ"א שכל מציאותה היא רק כדי שדיני התורה יתקיימו בפועל.

44) שבת פט, א.

זיין ע״פ תורה והלכה, נאר) בפשטות, לויט די באשטימטע באדערפענישן פון די מענטשן פון אט דער שטאט (בהיתר), און לויט דעם זאל ער אנווייזן די הוראות התורה[45].

משא״כ א תלמיד חכם וואס ליגט בעיקר אין לערנען תורה (און אויך אין חלק ההלכה שבתורה וואס ווייזט אן הנהגת העיר וצרכי העיר כו׳) — איז אע״פ אז פון דער תורה (וועלכע איז תורת חיים) קען ער וויסן וועלכע צרכים אן עיר דארף האבן (ע״פ תורה), און מצד זיין דרגא איז דאס די אמת׳ע צרכי העיר אויך ע״פ הלכה (פאר אזא וואס שטייט אויף זיין דרגא) — אבער וויבאלד אז דאס איז לאו דוקא בערך צו די (דרגא פון די) צרכי העיר וואס די תושבי העיר דארפן האבן בפועל, דער־פאר איז ער ניט קיין פאסיקער ראש העיר, „משום דעסקי בצרכיהם (כולל — צרכי העיר ווי דאס קומט אויס לויט זיין דרגא) ולא מצו לעסוקי במילי דצבורא (לויט דרגת הציבור)״.

ו. ע״פ הנ״ל וועט מען אויך פאר־שטיין דער סיפור בפרשתנו בנוגע צו שריפת החטאת:

דער אונטערשייד צווישן משה מיט אהרן׳ען איז, אז משה איז ענינו בעיקר תורה („תורה צוה לנו משה גו׳״[46], „זכרו תורת משה עבדי״[47]), משא״כ אהרן כהן גדול איז ענינו בעיקר עבודה — די עבודת הקרבנות וכו׳ אין משכן.

וואס איינער פון די חילוקים צווישן זיי איז, אז מצד די דרגא פון תורה שטייען אלע ענינים אין וועלט ווי זיי זיינען אין (און על פי) תורה. משא״כ מצד די דרגא פון עבודה — דארף מען זיך אראפלאזן צו די דרגא פון וועלט ווי זי שטייט במקומה במעמדה ומצבה בכדי דארטן טאן די עבודה לויט די הוראות התורה. וע״ד החילוק צווישן תלמוד און מעשה (תורה און מצוות).

ובלשון המדרש[48], „חסד זה אהרן . . ואמת זה משה״. דער ענין פון אמת (משה אמת ותורתו אמת) איז, אז ער זעט אלע ענינים ווי זיי זיינען מצד אמיתית ופנימיות הדברים. אין אים זיי־נען ניטא קיינע שינויים — אין יעדן זמן און אין יעדן מקום שטייט ער בשוה[49]. חסד אבער, וואס ענינו איז מאכן גוט צו אנדערע, מוז מען זיך רעכענען מיט דעם צושטאנד פון יעדערן פון די בא־זונדערע מקבלים, וועלכע זיינען אנ־דערש איינער פון דעם צווייטן[50].

[ובלשון החסידות: משה[50] שושבינא דמלכא[51] איז ממשיך אלקות אין אידן מלמעלה למטה, וואס די המשכה איז ניט געמאסטן לויט כלי המקבלים; אהרן שושבינא דמטרוניתא[51] איז מעלה אידן מלמטה למעלה, וואס דערביי איז נוגע דער מצב ומדריגה פון דעם מטה וועל־כע מ׳איז מעלה. און אין כחות הנפש: משה איז בחי׳ מוחין (תורה), וואס איז „קדמה לעולם״, און אהרן איז בחי׳ חסד,

---

45) להעיר מהדין דאין לדיין אלא מה שעיניו רואות (ב״ב קלא, ריש ע״א. סנהדרין ו, ב. רמב״ם הל׳ סנהדרין פכ״ג ה״ט. רמ״א חו״מ ס״ח ס״ב. אנציקלופדי׳ תלמודית בערכו. וש״נ).

46) ברכה לג, ד.

47) מלאכי ג, כב.

48) שמו״ר פ״ה, י.

49) ראה תניא פי״ג. לקו״ת מסעי צג, ב. ובכ״מ.

50) ראה גם לקו״ש חי״ז ע׳ 113 ואילך.

51) זח״א רסו, ב. ח״ב מס, ב. ח״ג כ, א (ברע״מ). נג, ב. ערה, ב.

וואס איז כולל די שבע מדות, דער מקור פון די שבעת ימי בראשית[52].

ז. עפ"ז איז פארשטאנדיק אז ביידע סברות בנוגע צו קדשי שעה וקדשי דורות — סיי סברת משה (אז מ'דארף עסן אויך די קדשי דורות, ווייל ס'איז ניטא קיין חילוק בין קדשי שעה ודורות), און סיי סברת אהרן (אז זיי זיינען אנ־דערש) — זיינען אמת, און ניט נאר אמת בחלק השקו"ט שבתורה (אלו ואלו דברי אלקים חיים[53]), נאר אויך אין הלכה, תלוי אין די דרגא וועגן וועלכע מ'רעדט:

מצד דרגתו של משה — ווי תורה קוקט אויף וועלט און ווי די וועלט שטייט אין תורה — האט ער ניט געזען קיין חילוק ע"פ אמיתית הדברים (משה אמת ותורתו אמת) צווישן קדשי שעה און קדשי דורות, ווייל שינויי הזמן רירן ניט אן נצחיות התורה[54].

ובפרט אז די סברא אויף מחלק זיין אז קדשי דורות דארף מען פארברענען איז מצד אנינות (אדער טומאה)[55]; און ס'איז מובן אז וויבאלד מ'רעדט דא וועגן הקרבת קדשים במשכן משה, וואס מעשה ידי משה נצחיים[56] — איז מצד דרגתו של משה (ומשכן משה) קען אנינות (היפך החיים) ניט אנרירן אין די קדשי דורות (אז אנשטאט זיי עסן זאל מען זיי פארברענען) פונקט ווי דאס רירט ניט אן אין קדשי שעה.

נאכמער: אזוי איז דער אמת ניט נאר פאר משה'ן אליין, נאר זייענדיק אן אמת'ער רועה ישראל, האט משה אויפ־געהויבן אידן צו זיין דרגא, ביז אז ער איז אין זיך כולל אלע אידן און געווען אין יעדער אידן, "שש מאות אלף רגלי העם אשר אנכי בקרבו"[57] (אפילו ווי אידן זיינען אן עם מלשון גחלים עוממות"[58], ובזה גופא — "רגלי העם" — זיינען זיי אלע כלול אין משה)[59], און ווי אידן שטייען אין משה רבינו — זיי־נען זיי באמת אין א העכערן מעמד ומצב, בדרגת משה.

דעריבער, האט משה, זייענדיק א רועה נאמן, געזען און אפגעשאצט אידן ווי זיי שטייען ביי אים, דערפאר איז ביי אים אויסגעקומען[60] (ע"פ אמיתית מצבו, ואמיתית מצב בני ישראל ווי זיי שטייען אין משה) אז אויך בא אידן (כולל אהרן ובניו) איז ניטא קיין אונטערשייד צווישן קדשי שעה וקדשי דורות, ווארום זמן קען ניט מאכן א שינוי אין א אידן ווי ער געפינט זיך אין משה רבינו.

אהרן האט אבער אפגעשאצט דעם מצב ווי דאס איז מצד די וועלט[60], וואס

---

52) ראה בכ"ז בארוכה ס' הערכים־חב"ד ערך אהרן ביחס למשה. וש"נ.

53) עירובין יג, ב.

54) ולהעיר מהחילוק בין קיום המצוות שתלוי בזמן חיובם, ולימוד התורה שחיובו הוא בכל זמן ובכל מקום, כי תורה היא למעלה מזמן ומקום. ולכן כל העוסק בתורה כו' כאילו הקריב כו' (מנחות בסופה. וראה אוה"ת שבועות ע' קנט). ולהעיר מסוטה כא, א "מצוה אינה מגינה אלא לפי שעה . . תורה מגינה לעולם".

55) כב' הדיעות בתו"כ שמיני י, ט. הובא בפרש"י שמיני שם, טז.

56) סוטה ט, סע"א.

57) בהעלותך יא, כא.

58) ראה שעהיוה"א פ"ז.

59) וגם כפי שהם במעמדם ומצבם — יש בכאו"א מישראל בחי' משה שבקרבו, שפועלת עליו בעבודתו (ראה תניא רפמ"ב. מברכות לג, ב).

60) ראה עד"ז לקו"ש (חט"ז ע' 205 ואילך) בביאור הטעם שמשה לא ראה מעצמו למנות שרי אלפים וגו' לשפוט את העם, ודוקא יתרו הבחין כו'.

מצד גדרי הזמן אין וועלט איז דאָ ע"פ האמת (וע"פ התורה) אַ חילוק צווישן (קדשי) שעה און (קדשי) דורות[61].

און וויבאַלד אַז ביידע סברות, ניט נאָר סברת אהרן נאָר אויך סברת משה, זיינען אמת, און ניט נאָר בתור קס"ד, נאָר אמת אויך מצד המסקנא לפי אמיתית הדברים — יעדערער לויט זיין באַשטימטער דרגא און תפקידו פון השם — דערפאַר ברענגט אַראָפּ תורה ביידע סברות, אויך סברת משה. און ביז אַז "ויקצוף", ווייל מצד דרגת משה איז בפשטות ניטאָ קיין חילוק צווישן שעה און דורות, און ס'איז ניטאָ קיין אָרט אויף אַן אַנדער סברא, ביז אַז "ויקצוף".

[ויש לומר יתירה מזה: אע"פ וואָס די מסקנא בלייבט ניט ווי משה (נאָר ווי אהרן) ברענגט די תורה אויך סברת משה (ניט נאָר ווייל דאָס איז אַ סברא אמיתית ע"פ תורה מצד דרגת משה, נאָר נאָכמער) — ווייל אויך לאחרי המסקנא (אַז ס'איז דאָ אַ חילוק צווישן שעה און דורות), איז נוגע צו וויסן אַלס אַ הוראה בפועל, אַז מצד דרגת משה (מצד התורה און ווי וועלט שטייט אין תורה), איז דער אמת אַז ס'איז ניטאָ קיין חילוק ביניהם, און דאָס וואָס עס ווערט אַ חילוק — איז מצד דעם חסרון העולם (ווי אהרן האָט מרגיש געווען); וואָס די ידיעה העלפט אַז מ'זאָל וויסן וואו מ'דאַרף זיך משתדל זיין אין וועלט, אַז ווי זי שטייט במעמדה ומצבה — זאָל מען דאָרט אַריינברענגען דעם אמת, ווי וועלט איז ע"פ תורה.

וע"ד ווי דאָס איז אין עבודת האדם, אַז אפילו בעלי עסק, וואָס עיקר עבודתם איז אין מעשה, קיום המצוות (און ניט אין תלמוד תורה) — דאַרפן זיי האָבן קביעות עתים לתורה[62]].

ח. ולאחרי ווי די תורה ברענגט ביידע סברות, זאָגט די תורה די מסקנא בנוגע לפועל, אַז "וישמע משה וייטב בעיניו": בכדי וויסן אַז ס'איז דאָ אַ חילוק צווישן קדשי שעה און קדשי דורות, האָט דאָס משה געדאַרפט הערן (וישמע) פון אהרן'ען, ווייל בא משה'ן מצד עצמו (מצד דרגתו) איז דער מצב פאַרקערט.

אָבער לאחרי ווי ער האָט דאָס פון אים געהערט איז "וייטב בעיניו": נוסף צו דעם וואָס ער האָט אָנגענומען דעת אהרן און האָט מיט אים מסכים געווען בנוגע לפועל (שריפת הקרבן דורות) — איז ער געווען דערפון צופרידן.

ביז נאָכמער, אַז דאָס האָט געבראַכט (ווי תושבע"פ און תרגום איז מפרש ומבאר) אַז "אפיק כרוזא במשריתא כו'", "הוציא כרוז לכל המחנה ואמר אני טעיתי את ההלכה ואהרן אחי בא ולמד לי". והביאור:

אַלע ענינים דאַרפן דורכגיין און נתגלה ווערן דורך תורה. כמבואר במ"א, אַז אפילו (די מעלה פון) תשובה, וואָס איז העכער פאַר תורה[63] — ווערט נתגלה דורך, אין תורה[64]. ועד"ז די מעלה פון מעשה — ווערט נתגלה אין תורה. והטעם לזה — ווייל בכדי אַז יעדער זאַך (תשובה ומעשה וכו') זאָל האָבן אַ תוקף אמיתי און זיין אויסגע־האַלטן ע"פ אמיתית הדברים — דאַרף

---

61) ראה לעיל הערה 54.

62) ראה אגה"ק ס"ה.

63) כמובן ממאחז"ל "שאלו לתורה כו' שאלו להקב"ה כו' יעשה תשובה ויתכפר לו" (יל"ש תהלים רמז תשב. ועוד).

64) ראה גם לקו"ש ח"ד ע' 1345. 1350. ועוד.

דאס זיין א הוראה פון תורה, וועלכע איז מגלה חכמתו ורצונו של הקב"ה אין אלע ענינים.

און דעריבער איז אפילו דער ענין אז מצד גדרי העולם איז דא א חילוק אמיתי צווישן שעה און דורות (כסברת אהרן) — דארף דאס גופא נתגלה ווערן דורך תורה.

און דערפאר דערציילט די תורה אז דער „וישמע משה" (שענינו תורה) האט געבראכט „וייטב בעיניו", ביז אז ער (משה — תורה) האט אנגעזאגט, אז אין דעם ענין דארף זיין די הנהגה ווי אהרן האט געזאגט.

און דער אנזאג איז געווען אין אן אופן של הכרזה, „הוציא כרוז בכל המחנה כו'" — ווייל היות אז דער חילוק צווישן שעה און דורות (וואס אהרן האט מגלה געווען) איז א חידוש אין תורה (משה) ווי זי איז מצ"ע, דעריבער איז דאס משה מודיע אין אן אופן פון א כרוז.

ויש להוסיף הטעם פארוואס „וייטב בעיניו" דוקא, ווייל גדול תלמוד שמביא לידי מעשה[65]. אפילו מצד די דרגא פון תלמוד (משה) — ווערט אין דעם א שלימות וגדלות דורך מעשה. און דערפאר איז „וייטב בעיניו", ווייל נוסף לזה וואס משה האט געזען אז דער חילוק צווישן שעה און דורות איז דער אמת לויט דרגת הנבראים, איז אין משה אליין צוגעקומען דורכדעם גדלות.

[ועד"ז אין עבודת האדם: אויך אזא וואס איז „תורתו אומנתו", דארף מקיים זיין מצות צדקה[62].

65) קידושין מ, ב.

ט. ע"פ כל הנ"ל וועט מען אויך פארשטיין פארוואס יציאת מצרים (און אמירת פרשת החודש) איז געווען דורך משה ואהרן:

אידן אין מצרים (פאר דער גאולה) זיינען געווען פארשקלאפט אלס קנעכט צו די מצריים, אין „ערות הארץ"[66], „גוי מקרב גוי"[67], ביז אז עס האט זיך געקענט דוכטן אז זיי זיינען בכמה ענינים עיקריים אזוי ווי די מצריים, „הללו עובדי ע"ז הללו עובדי ע"ז" (ווי מלאכים האבן גע'טענה'ט אפילו בא קריעת ים סוף[68], ועאכו"כ אז אזוי איז געווען נאך זייענדיק אין מצרים, ווי אפילו משה רבינו האט געזאגט[69]).

ובלשון החסידות, אידן זיינען דעמולט געווען פארזונקען אין די מ"ט שערי טומאה[70], ביז אז עס שטייט[71] אז אויב די אידן וואלטן געבליבן נאך א רגע אין מצרים, וואלטן זיי קיינמאל ניט נגאל ווערן ר"ל!

און יציאת מצרים איז באשטאנען פון דעם, אז ווי אידן זיינען געווען אזוי טיף פארזונקען אין „ערות הארץ", מקום הזוהמא והטומאה, האט דער אויבערשטער אליין — „בכבודו ובעצמו"[72] — זיי פון דארטן ארויסגענומען, „נגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקב"ה

66) מקץ מב, ט. יב. וראה קה"ר פ"א, ד (בסופו). וראה פרש"י לך יב, יט. אחרי יח, ג.

67) ואתחנן ד, לד. ראה גם מכתב ער"ח ניסן שנה זו (לקמן ע' 687 ואילך).

68) זח"ב קע, ריש ע"ב. מכילתא בשלח יד, כח.

69) שמו"ר פמ"ג, ח.

70) ראה אוה"ת שה"ש ע' רס ואילך. ובכ"מ.

71) הובא בהגש"פ עם לקוטי טעמים ומנהגים פיסקא מצה זו (ע' ל). וש"נ.

72) הגש"פ פיסקא ויוציאנו.

וגאלם"[73], און האט אין זיי בוחר גע־ווען, "הניח את העליונים ואת התחתו־נים ולא בחר בכולם כי אם בישראל עמו כו'"[74], "ובנו בחרת מכל עם ולשון" (וואס דאס גייט אויף "הגוף החומרי הנדמה[75] בחומריותו לגופי אומות העולם"[76]), "כדי לקרבם אליו בקירוב ויחוד אמיתי וכו'" בשעת מתן תורה"[74].

וואס איינער פון די ביאורים פאר־וואס אידן האבן געדארפט דורכגיין גלות מצרים, "ערות הארץ", ווייל דאס האט אויפגעטאן דעם זיכוך ובירור פון עוה"ז הגשמי והחומרי, דער פיזישער און מאטעריאלע וועלט, אלס הכנה צו מתן תורה, ווען דער אויבערשטער האט געגעבן די תורה דא למטה, אין אן אופן אז מ'זאל דערמיט קענען דורכנעמען די וועלט[77], "להבדיל בין החול ובין הקודש בין הטהור ובין הטמא", א וועלט וואו ס'איז דא דער "למצרים ירדתם כו'"[78].

ועפ"ז יש לומר איינער פון די טעמים פארוואס יציאת מצרים איז געקומען דורך משה ואהרן: משה רבינו איז גע־ווען מושיען של ישראל בשליחותו של הקב"ה, דורך אים האט זיך אויפגעטאן דער "נגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקב"ה וגאלם". אבער בכדי אז דאס זאל נמשך ווערן און דורכנעמען אידן ווי זיי זיינען געווען "מקרב גוי", ביז אז "הללו עובדי ע"ז" — האט דאס געדארפט אויך דורכגיין אהרן, ווייל משה מצד עצמו (און ווי אידן זיינען נכלל אין משה) איז געשטאנען העכער פון מצרים[79], ובמכל שכן דערפון וואס ער איז געווען העכער פון עולם בכלל, ווארום זיין דרגא איז געווען תורה, און ווי וועלט שטייט אין תורה, כנ"ל.

י. מ'דארף נאך אבער פארשטיין:

ווי קומט עס טאקע, אז ניט קוקנדיק אויף דעם וואס אידן זיינען געווען "מקרב גוי", און "עובדי ע"ז" (כטענת משה כנ"ל), האט זיי דער אויבערשטער טאקע אויסגעלייזט?

ובפרט נאך באופן פון "נגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקב"ה" "בכבודו ובעצמו", וואס לכאורה: אפילו "תפלה קלה לא התפלל בתוך הכרך לפי שהי' מלאה גלולים", און "דבור חמור כזה (החודש הזה לכם) לא כל שכן"[80] — איז ווי קומט עס אז "מלך מלכי המלכים הקב"ה" "בכבודו ובעצמו" זאל אראפ־קומען בתוך ארץ מצרים, בעיר מצרים, בבית פרעה וכו'?!

וועט מען דאס פארשטיין ע"פ א הלכה אין היינטיקן שיעור רמב"ם:

דער רמב"ם שרייבט[81], אז בשעת איינער איז מקדש אן אשה און דערנאך ווייזט זיך ארויס אז זי האט א מום, הענגט דאס אפ צי ער האט דערפון גע־וואוסט איידער ער האט איר מקדש גע־ווען. אויב ער האט דערפון פריער גע־וואוסט, און אעפ"כ האט ער איר מקדש געווען, איז דער דין אז זי איז מקודשת, ווייל "שמע (וועגן דעם מום) ורצה".

---

73) הגש"פ פיסקא מצה זו.

74) תניא פמ"ט.

75) והדמיון לגופי אוה"ע הוא (לא רק לעיני בשר למטה, אלא) גם לגבי למעלה כביכול, שדוקא אז שייך ענין בחירה, בב' דברים דומים ושוים זל"ז.

76) תניא פמ"ט.

77) ראה בארוכה לקו"ש חט"ז ע' 211 ואילך. ועוד.

78) שבת פח, ב.

79) ראה לקו"ת נצבים מט, ב. שמשה למטה (גם כפי שהי' במצרים כו') הי' בבחי' אצילות.

80) פרש"י בא יב, א.

81) הל' אישות פכ"ה ה"ב.

דערפון איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו די נישואין פון דעם אויבערשטן מיט אידן — "המקדש עמו ישראל בחופה וקידושין" — בא יציאת מצרים און מתן תורה[82] [ווארום "מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל", מה שהוא עושה מצוה לאחרים לעשות[83]]:

וויבאלד אז נאך איידער דער אויבערשטער האט מקדש געווען את ישראל, און נאך איידער אידן זיינען געגאנגען אין גלות מצרים — האט דער אויבערשטער געוואוסט וועגן די "מומים" וואס אידן וועלן באקומען אין מצרים זייענדיק "מקרב גוי" ("עובדי ע"ז וכו'")[84], ווארום דער אויבערשטער איז יודע עתידות ויודע כל תעלומות און זעט פאראויס וואס דערנאך וועט זיין, און אעפ"כ האט דער אויבערשטער מבטיח געווען (באם ברית בין הבתרים) אז "אחרי כן יצאו ברכוש גדול"[85] און ער וועט מקדש זיין אידן כו', איז דעמולט דער דין, אז די קידושין איז חל, ניט קוקנדיק אויף די "מומים" וואס אידן באקומען, אפילו הארבע מומים.

און נאכמער: דער לשון צחה וברורה אין רמב"ם איז, "שמע ורצה" ניט "שמע והסכים" אדער "ויתר" וכיו"ב: וויבאלד אז דער בעל האט פאראויס געוואוסט וועגן דעם מום, איז דער דין אז ער האט ניט נאר מסכים געווען אויף דעם, אדער מוותר געווען אויף דעם, נאר "רצה", ער וויל דאס.

ועד"ז איז בנוגע צו דעם אויבערשטן: וויבאלד אז דער אויבערשטער האט געוואוסט פאראויס וועגן די מומים וואס וועלן זיין, איז א ראי' אז "רצה" אז אזוי זאל זיין. כמבואר בכ"מ[86], אז דער גאנצער ענין פון די מומים קומט מצד דעם וואס דער אויבערשטער "נורא עלילה על בני אדם"[87], און רצונו של הקב"ה איז אז עס זאל זיין די ענינים הפכיים, בכדי אז דורך דעם זאל צוקומען (נוסף צו עבודת הצדיקים) אויך די מעלה פון עבודת התשובה,

ואדרבה — אין דעם איז דער אמת'ער רצון ("רצה"), כמאחז"ל[88] אז במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים עומדים שם, ביז אז "אין יכולים לעמוד שם"[89].

און דעריבער, ניט קוקנדיק אויף אלע מומים און העלמות כו' אין "ערות הארץ", ווערט דער נישואין פון דעם אויבערשטן מיט אידן, און נישואין בשלימותם — בנין עדי עד, לעד ולעולמי עולמים, באופן פון "והיו לבשר אחד"[90], ישראל וקוב"ה כולא חד[91],

ווי ס'וועט זיין בשלימות ובגלוי בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, וואס "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות"[92].

יא. איינער פון די לימודים וואס מ'קען דערפון ארויסנעמען:

דער ענין פון "לקחת לו גוי מקרב גוי" ביציאת מצרים — די "הולדה" פון

---

82) יום חתונתו זה מתן תורה — ראה תענית כו, ב במשנה. ועוד.

83) תהלים קמז, יט. שמו"ר פ"ל, ט.

84) ראה שמו"ר פמ"ג, ח.

85) לך טו, יד.

86) ראה תו"ח תולדות ד"ה ויתן לך פ"י ואילך. לקו"ש חי"ח ע' 395. ושנ"ג.

87) תהלים סו, ה. תנחומא וישב ד.

88) ברכות לד, ב.

89) רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ד.

90) בראשית ב, כב.

91) ראה זח"ג לג, א.

92) מיכה ז, טו.

עם ישראל — חזר'ט זיך איבער בימי הפסח מדי שנה בשנה.

ועאכו"כ ווען מ'געפינט זיך אין גלות, וואָס כל הגליות נקראות על שם מצרים[93].

האָט מען די הוראה, אַז אפילו ווען אַ איד געפינט זיך אין חושך כפול ומכופל פון גלות, און ער קען מיינען אַז צו אים האָבן זיך צוגעקלעפּט ענינים בלתי רצויים פון גלות, און ווי קען מען דער־פון אויסגעלייזט ווערן — קען ער ווערן דערפון אַראָפּגעפּאַלן וכו',

דאַרף מען וויסן אַז דער אוי־בערשטער „שמע ורצה", דער אוי־בערשטער ווייסט פון די אַלע „מומים", ואדרבה — אידן געפינען זיך אין גלות ברצונו של הקב"ה, דער אויבערשטער האָט געוואָלט אַז זיי זאָלן זיין אין אַ מצב וואו ס'איז דאָ אַן אפשריות אויף „מומים", און וויבאַלד אַז דער אוי־בערשטער ווייסט דערפון און וויל דאָס — איז אַ ראי' אַז ער שטייט צוזאַמען מיט אידן (אויך אין גלות) אין אַן אופן פון קידושין,

און די כוונה פון דעם גלות איז בכדי אַז אידן זאָלן מברר ומזכך זיין גשמיות וחומריות העולם לויט די הוראות התורה „להבדיל בין הקודש ובין החול" (ע"ד ווי עבודת אהרן), און מגלה זיין דעם אל"ף פון אלופו של עולם (וואָס איז דאָ אויך) אין גלות[94], ביז אַז זיי זאָלן מאַכן די וועלט ווי זי שטייט במקומה פאַר אַ „תורה וועלט", לכל לראש — דורך דעם וואָס זיי ווערן ניט נתפעל פון די נסיונות אין גלות, און אדרבה — דער גלות רופט בא זיי אַרויס אַ פאַר־שטאַרקונג אין זייער פאַרבונד מיט דעם אויבערשטן, דורך לימוד התורה וקיום המצוות.

יב. ויש לומר נאָך אַן ענין אין דעם:

דער יום הולדת פון יעדער איד איז בדוגמא צו דער יום הולדת פון כלל ישראל בשעת יציאת מצרים: כשם ווי בא יצי"מ איז געווען דער „לקחת לו גוי מקרב גוי", אַזוי איז אויך דער יום הולדת פון יעדער איד, אַז פון אַן מצב של עיבור במעי אמו, ווערט ער געבאָרן, אַלס אַ זעלבסשטענדיקער מציאות פאַר זיך[95].

וכשם ווי יציאת מצרים (הולדת כלל ישראל) איז ע"ד דער ענין פון עבודת התשובה, אַז מ'ווערט אויסגעלייזט פון אַ מצב פון „קרב גוי", אַזוי דאַרף זיין דוגמתו בא יעדער יום הולדת.

ווי גערעדט לאחרונה[96], אַז ס'איז כדאי אַז יעדער איד זאָל אָנהויבן אויס־נוצן זיין יום הולדת אויף אַ הוספה אין טוב וקדושה, תורה ומצוות כו'.

ועפ"ז הנ"ל יש לומר איינער פון די טעמים פאַרוואָס דאָס איז געוואָרן לאחרונה אַ הוראה לרבים, און מיט אַ גאַנצן טראַסק ופרסום כו', כאָטש אַז בדורות שלפני זה איז דאָס געווען נאָר בא יחידי סגולה ובלי פרסום כלל —

ווייל וויבאַלד אַז מ'האַלט בא דעם סיום פון גלות, דאַרף מען פאַרענדיקן די לעצטע בירורים פון חול.

ווי"ל אַז איינער פון די בירורים איז — אַז אַ איד נוצט אויס זיין יום הולדת,

---

93) ב"ר פט"ז, ד.

94) ראה לקו"ת בהעלותך לה, ג. ועוד.

95) ראה גם מכתב ער"ח ניסן שנה זו.

96) שיחת כ"ה אדר וש"פ ויקרא שנה זו. ועוד.

וואס מצד עצמו איז א יום חול, און ער איז אין דעם מגלה ווי „מזלו גובר״[97], וואס „מזלו״ פון א איד איז — בחי׳ אין[98], „אין מזל לישראל״[99], דער ענין הביטול, ביז בחי׳ אין פון יש האמיתי[100], אז ביום ההולדת שלו איז ער מגלה אז בחי׳ אין שבו איז גובר אויף זיין ישות ומציאות, ד.ה. אז אויך ווי ער געפינט זיך אלס א יש למטה, איז זיין גאנצע מציאות בטל ואין צו דעם אויבערשטן, און ער פארשטייט — ביז מרגיש ווי ער נעמט זיך פון אין האמיתי[101].

יג. ויהי רצון, אז די לעצטע בירורים פון חול אין זמן הגלות, זאלן בקרוב ממש מגלה זיין דעם אל״ף (פון אלופו של עולם) אין גלות, און עס ווערט „גאולת״ — גאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו,

און מ׳וועט פראווען חג הפסח אין ירושלים עיר הקודש, בבית המקדש השלישי, צוזאמען מיט „משה ואהרן עמהם״[102], צוזאמען מיט „הקיצו ורננו שוכני עפר״[103],

ולא עכבן אפילו כהרף עין[104].

---

97) ראה ירושלמי ר״ה פ״ג ה״ח ובקה״ע שם.

98) או״ת להה״מ מט, ג. סב, ב. חנוך לנער ע׳ 48.

99) שבת קנו, א.

100) ראה דרושי פסח לאדמו״ר האמצעי (ד״ה תפול עליהם בתו״ח בשלח רסו, א ואילך).

101) ע״ד ובדוגמת התהוות הבריאה ע״י הקב״ה באופן של יש מאין בכל רגע ורגע מחדש (שעהיוה״א פ״א) — והרי האדם הוא שותף להקב״ה במעשה בראשית, ושותף אמיתי פירושו — שהוא בדומה לשותף השני (כביכול).

102) תוד״ה אחד — פסחים קיד, ב. וראה יומא ה, ב.

103) ישעי׳ כו, יט.

104) מכילתא ופרש״י בא יב, מא.